# די וועכנטליכע מאמר אין עבודת ה' און אויף ענינים העומדים על הפרק

### פון כ"ק מרן פוסק הדור

# ראב"ד ירושלים הגאון האדיר רבי משה שטערנבוך שליט"א

### פרשת דברים תשפ"ב

## ריכטיגע וועג צו זאגן מוסר

**"אלה הדברים אשר דבר משה"** (א', א')

"לפי שהן דברי תוכחות ומנה כאן כל המקומות שהכעיסו לפני המקום בהן, לפיכך סתם את הדברים והזכירם ברמז מפני כבודן של ישראל". (רש"י)

**אונז** זעהען דא אז משה רבינו האט געזאגט די מוסר פאר די אידן בדרך רמז וויבאלד ער האט געוואלט אכטונג געבן אויף די כבוד פון כלל ישראל. ס'קען זיין אז די כבוד וואס משה האט זיי דט אפגעגעבן איז נישט געווען נאר צוליב זייערע מעלות, נאר ס'האט אויסגעפעלט פאר די תוכחה אליינ'ס, ווייל כדי זיינע מוסר זאלן אנגענומען ווערן ביי כלל ישראל האט ער געדארפט שיצן זייער כבוד, און אזוי וועלן זיי אננעמען זיינע ווערטער און נישט אוועקשטויסן די מוסר זיך אנצונעמען פאר זייער כבוד.

**דאס** איז א וויכטיגע יסוד, ווען איינער קומט מוסר זאגן פאר זיין חבר זאל ער נישט שרייען אויף אים אז די ביזט א נידריגע מענטש, דו מאכסט געמיינע מעשים וכדו', ווייל דעמאלט'ס האט ער גארנישט אויפגעטוהן מיט זיינע תוכחה וויבאלד זיין חבר וועט זיך וועלן באשיצן און צוריקברענגען זיין כבוד וועט ער אוועקשטופן די תוכחה, נאר די ריכטיגע וועג איז צו זאגן אויף א באהאלטענע אופן, אזוי ווי משה רבינו האט גע'מוסר'ט די אידן, און נאך בעסער איז אויב דער מוסר-זאגער קען צולייגן און אים אויסלויבן און זאגן אז לויט זיינע מעלות און זיין קלוגשאפט פאסט נישט אז ער זאל זיך אזוי פירן, און אויף אזא וועג גייט עס גאר אסאך אויפטוהן, וויבאלד ער שפירן א גרויסע כבוד זיך צו פירן ווי דער מוסר-זאגער האט אים געזאגט ווייל אזוי דארף זיך אזא קלוגער און ארויפגעקוקטער מענטש זיך פירן.

און לויט דעם קען מען פארשטיין די פסוק (ויקרא י"ט י"ז) "הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא", אז טראץ וואס מ'איז מחויב מוסר צו זאגן פאר א חבר דארף מען אבער אכטונג געבן אז מ'זאל נישט ארויף לייגן א חטא אויפ'ן חבר און אים זאגן קלאר אז ער האט געזינדיגט, ווייל בדרך כלל אין אזא פאל וועט ער נישט אננעמען די מוסר, נאר ער דארף רעדן צו אים בדרך רמז און אים דערמאנען די הלכה און אים זאגן אז ער האט געזינדיגט, כדי ער זאל אננעמען זיינע ווערטער און אליינ'ס וועלן און זעהן ווי אזוי צו תשובה טוהן.

**נאך** א טעם קען זיין פארוואס ער האט זיי מוסר געזאגט בדרך רמז, ווייל אזוי ווי אונזער רבי'ס האבן אונז געלערנט אז ווען א מענטש ווערט אנגעווארעמט תשובה צו טוהן זאל ער נישט טראכטן צופיל פון די עבר, ווייל אויב ער וועט יא טראכטן וועט ער זייער שנעל זיך מייאש זיין און נישט קענען תשובה טוהן, פארדעם דארף ער די ערשטע זאך פארגעסן פון וואס ס'איז געווען און זיך זעהן ווי א נייע בריה וואס איז זיך מקבל פון יעצט און ווייטער צו טוהן דעם רצון ה', און נאר א שטיק צייט שפעטער וואס ער איז שוין טאקע ווי א נייער מענטש זאל ער דעמאלט'ס זיך מתבונן זיין ווי אזוי קען ער מתקן זיין די עבר זיינע.

**לויט** דעם קען זיין אז וועגן דעם האט משה רבינו זיי גע'מוסר'ט בדרך רמז, וויבאלד אויב וואלט ער זיי מוסר געזאגט מיט א קלארקייט און שטארקייט וואלטן זיי זיך גוט מתבונן געווען אויף זייערע פריערדיגע שלעכטע מעשים און זיי וואלטן אריינגעפאלן אין א יאוש און נישט געהאט די כוחות תשובה צו טוהן, פארדעם האט משה זיי געזאגט די תוכחה נאר ברמיזא זיי צו מעורר זיין זיך צו טוישן, און נאר נאכדעם זאלן זיי זיך מתבונן זיין אין זייער עבר און אלעס מתקן זיין.

## די מחלוקת קרח האט צוגעברענגט צו די חטא עגל

**"וחצרות ודי זהב"** (א' א')

"וחצרות, במחלוקתו של קרח. ודי זהב, הוכיחן על העגל שעשו בשביל רוב זהב שהיה להם". (רש"י)

**לכאורה** פארוואס האט משה רבינו זיי דערמאנט די מחלוקת פון קרח פאר די חטא העגל, די מעשה פון די חטא העגל איז דאך געווען פאר די מחלוקת פון קרח.

**האט** הגאון רבי צבי הירש פרבר זצ"ל מסביר געווען (בספרו 'כרם הצבי') אז אויף די חטא העגל אליינ'ס איז געווען א לימוד זכות אויף די אידן, וויבאלד זיי זענען געווען אזויפיל יארן אין מצרים האבן זיי זיך אפגעלערנט פון זיי צו דינען עבודה זרה, אבער נאך וואס זיי האבן געזינדיגט ביי די מחלוקת פון קרח ועדתו קעגן משה רבינו, האבן זיי געוויזן אז זיי האבן זיך נישט געלערנט פון די מעשים פון די מצריים ווייל די מצריים פלעגן יא מכבד זיין די כהנים, אזוי ווי ס'שטייט אין פר' ויגש (בראשית מ"ז כ"ב) "רק אדמת הכהנים לא קנה כי חק לכהנים מאת פרעה ואכלו את חוקם", זעהען מיר דא אז אויך אין די שרעקליכע הונגער יארן האבן זיי געהאלטן די כהנים מיט גרויס כבוד און זיי געשפייזט ווי ס'דארף צו זיין, און נאכמער פון דעם שטייט אין חז"ל (שמות ה' ד', וברש"י שם) אז פרעה האט באפרייט שבט לוי פון די שעבוד, זעה מיר אז ער האט זיך געפירט מיט גרויס כבוד צו די אידישע כהנים, קומט אויס אז ווען קרח וכל עדתו זענען זיך געקומען קריגן אויף די גדולי הדור משה און אהרן, איז נתעורר געווארן למפרע די חטא העגל ווייל ס'איז בטל געווארן די לימוד זכות אז זיי האבן זיך דאס געלערנט פון מצרים, ווייל אויב האבן זיי זיך געלערנט די שלעכטע זאכן וואלטן זיי אויך געדארפט זיך אפלערנען פון זייערע גוטע זאכן צו אפגעבן די פאסיגע כבוד פאר די גרויסע מענטשן און זיכער זיי נישט טשעפענען, פארדעם האט משה רבינו זיי דערמאנט די חטא העגל נאך די מעשה פון קרח וויבאלד די עיקר תביעה אויף די חטא העגל איז געקומען נאר נאך די מחלוקת קרח.

**בעוה"ר** אין די לעצטע דור ווילן די רשעים שטערן די שבט לוי פון די דור וואס דאס זענען די בני תורה און די ישיבה בחורים, און זיי ווילן זיי אוועקרייסן פון דעם באשעפער'ס מיליטער צו זייער מיליטער, זענען זיי ערגער ווי פרעה וואס האט פארשטאנען די פשוט'ע זאך אז די בני לוי דארפן נישט ארבעטן וויבאלד זיי זענען די עבדי ה', אבער חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו און די תורה בלייבט צווישן אונז.

## שאלה וואס איז אנגעפרעגט געווארן ביי מרן שליט"א

**פאריגע** יאר האט מרן שליט"א מעורר געווען אין איינע פון זיינע שמועסן פאר תשעה באב, אז תשעה באב איז נישט דא קיין היתר צו מבטל תורה זיין און גיין ליידיג, נאר די צייט איז געמאכט אריינצוטראכטן און קלאגן אויף די חורבן המקדש, און אויף אנדערע צרות ישראל וואס מ'איז אריבער אין לויף פון די לאנגע גלות יארן, און אויב פארבלייבט איבריגע צייט וואס ער קלאגט נישט אויפן חורבן איז מען מחויב זיך צו גלייך זעצן לערנען די ענינים וואס מ'מעג לערנען אין די זמן אבילות.

**האו** מען נאכדעם געפרעגט פון מרן שליט"א אז לכאורה אין 'כף החיים' (סי' תקנ"ד סק"י) ברענגט ער וואס דער 'ערוך השולחן' שרייבט אז אין תשעה באב אויב וויל ער נישט לערנען די זאכן וואס מ'מעג איז ער נישט מחויב, און מ'זאגט נישט אז וויבאלד מ'מעג לערנען די זאכן טאר ער נישט מבטל תורה זיין, זעה מיר אז מ'מעג יא מבטל תורה זיין אין תשעה באב.

**האט** מרן שליט"א געענטפערט מיט א פשטות אז די גאנצע וואס דער 'כף החיים' איז מתיר דאס איז נאר לצורך אבילות, ווייל אזוי ווי מ'מעג מבטל תורה זיין זיך צו קענען אפגעבן מיט זיינע באדערפענישן ווי פרנסה און געזונט, די זעלבע מעג א אבל מבטל תורה זיין כדי צו קלאגן וויבאלד דאס איז יעצט זיין צורך, אבער טאמער קלאגט ער נישט איז ער זיכער מחויב צו לערנען די זאכן וואס מ'מעג לערנען, און מ'האט נישט מתיר געווען צו מבטל תורה זיין סתם.

## א מאמר אין הלכה

### הלכות נטילת ידיים

#### נטילת ידיים פאר קינדער

**א]** ס'ליגט א חוב צו וואשן די הענט פאר קינדער פאר ווען זיי רירן צו עסן, וויבאלד ס'איז א חשש סכנה אזוי ווי דער פרי מגדים שרייבט, און די שיעור פון ווען מ'דארף וואשן זייערע הענט איז פון ווען מ'איז אים שוין מחויב צו מחנך זיין, וויבאלד דעמאלט'ס באקומט ער א הייליגע נשמה, און ווער ס'איז שוין נזהר אין דעם פון די ברית מילה איז 'קדוש יאמר לו', און מ'דארף זייער מדקדק זיין דערין ווען דאס קינד ענטפערט שוין אמן, און בדיעבד איז טאקע אסור נאר פון ווען ער ענטפערט די ערשטע מאל אמן, וויבאלד דאס איז די ערשטע מצוה וואס דאס קינד איז מקיים. (תשובות והנהגות ח"א סי' א')

#### די ברכה פון נט"י פאר נשים

**ב]** לויט דער גר"א וואס די עיקר חיוב פון נטילת ידיים איז פאר'ן דאווענען, איז ווען א פרוי איז א אנוסה און זי דאוונט נישט זאל זי נישט מאכן די ברכה פון על נטילת ידיים, אבער דער ב"ח שרייבט שוין אז די ברכה האט מען מתקן געווען פאר יעדן אויך פאר פרויען און עמי הארצים. (תשוה"נ ח"א סי' ה')

#### גיין ד' אמות אן קיין נטילת ידיים

**ג]** מ'דארף זייער אכטונג געבן צו אנגרייטן וואסער נעבן יעדע בעט, כדי צופרי ווען ער שטייט אויף זאל ער גלייך האבן וואסער זיך צו וואשן וויבאלד ס'איז זייער א הארבע טומאה, און מ'דארף זייער נזהר זיין אין דעם, און מ'זאל זיך נישט פארלאזן מיקל צו זיין אז די גאנצע הויז ווערט גערעכנט ווי איין ד' אמות, ווייל אפי' אזוי לאזט ער נאך אלץ אסאך צייט די טומאה אויף זיינע הענט, אויב אזוי אפי' אויב פארמאגט ער וואסער אין די צימער איז עס נישט גענוג נאר ער זאל לייגן גלייך נעבן זיין בעט. (תשוה"נ ח"א סי' ב')

**ד]** איינער וואס האט פארגעסן צו צוגרייטן וואסער נעבן זיין בעט, דאן טאמער האט ער דארטן איינעם וואס קען אים ברענגען וואסער, דעמאלט'ס טראץ דאס גייט נעמען לענגער ווי ווען ער וועט אליינ'ס זיך גיין ברענגען זאל ערווארטן א צווייטער זאל אים ברענגען און נישט גיין אליינ'ס, ווייל די עיקר קפידא פונעם זוה"ק איז אויפן גיין. אויב אבער איז נישט דא דארטן איינער וואס קען אים ברענגען וואסער, איז דער שע"ת האלט אז ס'איז ענדערשטער ער זאל גיין שנעל אן זיך פארזומען און נישט גיין פחות פחות פון ד' אמות, אבער דער ברכ"י און דער תורת יקותיאל און ארצות החיים האלטן אז ענדערשטער זאל ער יא גיין שטייט פחות פחות פון ד' אמות, וויבאלד ווילאנג ער גייט אזוי איז עס ווי ער בלייבט אויף זיין פלאץ, די ביאור אין זייער מחלוקת איז אויב איך זאג אז ביי פחות פחות פון ד' אמות איז נישט חל בכלל קיין טומאה דעמאלט'ס איז בעסער ער זאל אזוי גיין, אדער די טומאה איז שוין חל גלייך ווען ער לייגט אראפ זיינע פיס אויפן פלאר דעמאלט'ס איז בעסער ער זאל גיין שנעל, און אין זוהר חי בשם הרבי ר' זושא און אין אגרא דפרקא שטייט אז די טומאה איז חל גלייך ביים אראפלייגן די פיס, אויב אזוי למעשה איז ענדערשטער ער זאל גיין שנעל, אזוי ווי דער משנ"ב פסקנ'עט. (תשוה"נ ח"א סי' ב')

#### די זמן פון די נטילה

**ה]** מ'דארף זייער נזהר זיין זיך צו וואשן די הענט גלייך ווען מ'ווערט מחויב מיט'ן נטילה, און איך האב געהערט פון א שערער וואס האט געשוירן די האר פון רבי מאיר שמחה הכהן פון דווינסק בעל 'אור שמח' אז ער האט זיך מזרז געווען זיך צו וואשן די הענט גלייך נאכ'ן זיך שערן. (תשוה"נ ח"א סי' ג')

**ו]** איך האב געהערט בשם דער 'חזון איש' אז וויבאלד אויב איינער וואשט זיך נישט די הענט איז טאמער איז ער א ת"ח פארגעסט ער זיין לערנען, קומט אויס אז איינער וואס וואשט זיך נישט איז עובר אויפ'ן לאו פון "השמר פן תשכח". (תשוה"נ ח"א סי' ג')

**ז]** דער 'אור חדש' האלט אז די ריכטיגע זמן זיך צו וואשן די הענט איז פאר'ן דאווענען, נישט נאר לפי די שיטה פונעם רא"ש אז מ'האט עס מתקן געווען פאר דעם, נאר אפי' לויט דער רשב"א וואס האלט אז ס'איז צוליב וואס ער ווערט ווי א בריה חדשה איז די מצוה פאר'ן דאווענען אזוי ווי דער כהן וואס האט זיך מקדש געווען סמוך צו די עבודה, און ער וואשט זיך די הענט צופרי אן קיין ברכה צוליב די רוח רע וואס איז אויף אים שורה, און שפעטער פאר'ן דאווענען וואשט ער זיך ווידער און ער מאכט די ברכה, און ער בלייבט אז ער זאל מאכן די ברכה נאר נאכ'ן לייגן תפילין וויבאלד דעמאלט'ס איז מצוי ער זאל אנכאפן די האנט, און לויט דער רא"ש און דער גר"א איז ער מחויב דעמאלט'ס זיך ווידער צו וואשן מיט א ברכה. דער וואס פירט זיך אזוי און ער האט נישט צוגערירט א מקום טינוף ביים לייגן תפילין, זאל ער נאכדעם אנכאפן כדי ער זאל ווערן מחויב מיט די ברכה. און לויט אונז וואס אונז פירן זיך צו מאכן די ברכה פאר'ן לייגן תפילין, כאטשיג אז דער אריז"ל האט געהאלטן אז מ'זאל מאכן די ברכה צופרי דאס איז וויבאלד ער האט געהאלטן ווי דער רשב"א, זאל מען אבער מאכן די ברכה פאר'ן דאווענען וויבאלד לויט דער גר"א איז די חיוב צו מאכן די ברכה וועגן די דאווענען קומט אויס אז אויב רירט ער אן ערגעץ אינצווישן איז זיין ברכה לבטלה, פארדעם זאל ער אכטונג געבן נישט אנצורירן אין זיין האנט ביים לייגן תפילין, כאטש וואס דער חת"ס און הגרי"ח זאנענפעלד האבן מיקל געווען אין דעם האט אבער דער חזו"א האט מחמיר געווען אין דעם אפי' ביי א מענטש וואס איז ביי אים אייביג אפן די פלאץ, און ער איז מחויב זיך צו וואשן כדין מיט א כלי און א רביעית. וועגן דעם ווער ס'קען נישט אכטונג געבן אויף דעם זאל מאכן די ברכה נאכ'ן לייגן תפילין, און נאך וואס ער ווייסט קלאר אז ער האט צוגערירט אין א מקום טינוף. (תשוה"נ ח"א סי' ה')

**ח]** די עיקר דארפ'ן די כהנים וואס בענטשן ברכת כהנים זיין זייער נזהר צו מאכן די ברכה פאר'ן דאווענען ממש, וויבאלד ס'איז דא דיעות וואס האלטן אז אויב האט מען מטנף געווען די הענט שפעטער דארף מען איבער מאכן די ברכה ווען מ'וואשט זיך פאר ברכת כהנים, טראץ וואס אונז נעמען נישט אן אזוי דארף מען אבער זייער אכטונג געבן נישט צו שמוציג מאכן די הענט, פארדעם זאלן זיי זיך וואשן ממש נאנט צום דאווענען כדי נישט אריינצופאלן אין א ספק ברכה. (תשוה"נ ח"א סי' ה')

**ט]** איינער וואס שטייט אויף לערנען פאר ווען ס'ווערט טאג, און ער זאגט ברכות השחר קען ער מאכן דעמאלט'ס די ברכה אויך לויט דער רא"ש וואס האלט אז מ'דארף מאכן די ברכה פאר'ן דאווענען וויבאלד ער זאגט ברכות השחר, און ער זאל אינזינען האבן מיט די נטילה אויפ'ן דאווענען, וויבאלד די נטילה פאר שחרית העלפט אויך אויף מנחה און מעריב, אויב אזוי העלפט עס אויך ווען ער זאגט עקסטער ברכות השחר פאר שחרית. (תשוה"נ ח"ג סי' א')

**י]** אזוי ווי ברכות השחר העלפט פאר'ן דאווענען, די זעלבע וועט זיין טאמער זאגט ער א קורצע תפילה אפי' אויף זיין שפראך וועט עס העלפן יוצא צו זיין די שיטה פון דער רא"ש אז נטילת ידיים דארף זיין סמוך לתפילה, אבער טאמער זאגט ער נישט קיין ברכה"ש אדער א תפילה זאל ער ווארטן מיט'ן מאכן די ברכה ביז פאר'ן דאווענען. (תשוה"נ ח"ג סי' א')

## עובדות און הנהגות פון מרן שליט"א

### אחכה לו בכל יום שיבוא

**פון** אייביג אן איז די בענקעניש און האפענונג פאר משיח און פאר די גאולה שלימה אין שפיץ פון די מחשבות ביי מרן שליט"א און פארנעמט ביי אים א חשוב'ען ארט ווי די שווארץ אפל פונעם אויג, און ער לאזט נישט נאך פון מעורר זיין אין יעדע געלעגנהייט אויף די חיוב צו אויסווארטן אז ער זאל ווי שנעלער קומען אונז אויסלייזן.

**ביי** זיינע אלע שמועסן טוהט מרן שליט"א אייביג מעורר זיין איבער דעם, און ער בעהט און פאדערט מ'זאל האלטן אין איין רעדן איבער משיח'ס קומען וואס דאס אליינ'ס איז א סיבה ער זאל אנקומען ווי שנעלער. ספעציעל אין די לעצטערע יארן איז מרן שליט"א זייער מאריך אין לויף פון זיינע פילע דרשות אין פארשידענע געלעגנהייטן בפני קהל עם ועדה, צו באנייען די האפענונג פאר ביאת משיח וואס איז ליידער לעצט'נס פארגעסן געווארן פון אונז.

**עס** ווערט אנגעצייכנט אז ביי די היסטארישע נסיעה וואס מרן שליט"א האט אינטערגענומען קיין אמעריקא אין חודש סיון תשע"ח, האט מרן שליט"א זיך אוועקגעשטעלט זיין ציל פון די נסיעה צו מחזק זיין און אויפרישן די פארגעסענע צפייה פאר ביאת המשיח וואס איז משום מה טיילווייז פארגעסן געווארן און ס'האט זיך אויסגעפעלט אן התחדשות.

**און** אזוי איז טאקע געווען אין יעדע פלאץ ווי ער איז אנגעקומען אין לויף פון יענע טעג, האט ער געהאלטן אין איין איבער'חזר'ען און מעורר זיין אויף די ענין פון צפייה אויף משיח, און ער האט דערציילט ווי אזוי ס'האט אויסגעזעהן די האפענונג און אויסווארטן פאר משיח אין זיינע יוגנט יארן אפי' ביי פשוט'ע אידן, [בתוך דבריו האט ער דערמאנט א מעשה וואס האט פאסירט ביי זיין מאמע ע"ה, אז איינמאל האט זי זיך איינגעהאנדלט א נייע שיינע קלייד, וואס איז געווען די שענסטע פון אירע אלע מלבושים, אבער זי האט עס נישט געוואלט ניצן, נאר זי האט געזאגט אז זי לייגט עס אוועק ספעציעל פאר די גרויסע שמחה ווען משיח וועט קומען], און ער האט אויפגעפאדערט די פארזאמלטע ציבור מחדש צו זיין די צפייה פאר ביאת משיח אזוי ווי אין די פאריגע דורות.

**אינטערעסאנט** אנצומערקן אז ביי אלע זיינע בריוון שרייבט ער זיך אונטער מיט די לשון "המצפה בכליון לישועת ה' ורחמי שמים מרובים", אזוי אויך איז מרן שליט"א געוואוינט צו זאגן די פסוק (ירמיהו ח' כ') "עבר קציר כלה קיץ ואנחנו לא נושענו", און נאך פיל מיט אזעלכע פסוקים און מליצות, אזוי ווי "ועדיין בן דוד לא בא".

**מרן** שליט"א פירט זיך אין לויף פון די גאנצע יאר צו זאגן 'תיקון חצות' יעדע נאכט, אסאך מאל זאגט ער נישט די גאנצע סדר התיקון, נאר ער זאגט עטליכע קאפיטלעך תהילים און עטליכע קאפיטלעך פון מגילת איכה פון אנפאנג פון די תיקון.

**ס'איז** זייער וואונדערליך ווי ווייט מרן שליט"א ווארט און האפט אויף משיח'ס קומען, און אונז ברענגען מיר דא צוויי ערציילונגען איבער דעם:

**א]** פאר אסאך יארן צוריק ווען מרן שליט"א האט נאך געוואוינט אין די געגנט פון די 'שיכון הרבנים' אין ירושלים עיה"ק, האט ער זיך אמאל ארויסגעכאפט און זיך אויסגעדריקט צו זיין ידיד הרה"ג ר' צבי אפרים וויינבערגער שליט"א די סיבה פארוואס ער האט דווקא אויסגעוועלט צו וואוינען אין יענע געגנט, וויבאלד די איינציגסטע וועג וואס פירט צום אלט שטאט [אין יענע צייטן] גייט דורך די אריינגאנג צו ירושלים וואס דאס איז ממש דערנעבן די 'שיכון הרבנים' געגנט, אויב אזוי קומט אויס אז ווען משיח צדקינו וועט קומען וועט ער זיין פון די ערשטע וואס וועלן זוכה זיין צו זעהן זיין פנים, און ער וועט נישט דארפן ווארטן א לענגערע צייט ביז ווען ער וועט אריינקומען אין די אינעווייניגסטע געגנטער פון ירושלים.

**ב]** אין די שפעטערע יארן ווען מרן שליט"א האט אריבערגעפירט זיין וואוינארט צו די 'הר נוף' געגנט אין ירושלים, האט מרן שליט"א געזאגט אז וויבאלד גאנץ ירושלים איז דאך פיל מיט קברים אוןביינער, און אליהו הנביא איז דאך א כהן, אויב אזוי וועט ער נישט קענען אריינגיין אין ירושלים, קומט אויס אז די איינציגסטע וועג וועט זיין דורך די 'הר נוף'געגנט וואס איז אויפגעבויט אויף א הארטן סלע וואס איז נישטא דארט קיין קברים, און ער וועט זוכה זיין צו זעהן אליהו הנביא גלייך ביים אנקומען...

## פארשידענע הנהגות און הדרכות בקודש פנימה

### חובת הצפייה פאר ביאת משיח

**פאר** אסאך יארן צוריק איז פארגעקומען א העפטיגע מחלוקת צווישן מרן שליט"א מיט איינער פון די גרויסע גאונים פון בני ברק זצ"ל אין די ענין פון די חיוב צו האפן און ווארטן אויף משיח.

**דער** גאון זצ"ל האט געהאלטן אז די חיוב צו ווארטן אויף משיח איז צו גלייבן אז אין יעדע סעקונדע וועט משיח קומען, אבער מרן שליט"א האט געהאלטן אז די חיוב איז נישט צו גלייבן אז משיח גייט יעצט קומען, ווייל צומאל איז פארהאן פארשידענע עיכובים פארוואס משיח קען נישט דאן קומען [אזוי ווי אין שבת וואס שטייט אין גמ' (מס' עירובין מג) אז משיח קען נישט קומען, און נאך], נאר די יסוד פון די חיוב איז זיך נישט מייאש זיין פון זיין קומען נאר האפן אין יעדע רגע אז משיח וועט קומען גלייך ווען ער קען לויט אונזערע מעשים.

**מרן** שליט"א האט דאס צוגעגליכן צו א מאמע וואס איר זוהן איז אנטלאפן פון איר, און זי ווארט יעדע רגע ער זאל צוריקקומען, כאטש אז זי ווייסט קלאר אויף א געוויסע צייט אז דעמאלט'ס קען ער נישט קומען, דאך ווארט זי יעדע סעקונדע אויף אים, אבער ס'איז נישט מחייב צו האפן יעדע רגע אז ער וועט יעצט אנקומען, [אזוי האבן אויך געהאלטן הג"ר ישראל אליהו וויינטרויב זצ"ל, הג"ר יודל שפירא זצ"ל, און הג"ר ניסים קרליץ זצ"ל].

**אינטערעסאנט** אנצוצייכענען אז אין א געלעגנהייט ווען מרן שליט"א האט באגעגנט יענער גאון זצ"ל האט ער אים געפרעגט פארוואס ער פארקויפט נישט זיין דירה אין בני ברק, וויבאלד לויט אים דארף מען גלייבן יעדע רגע ממש אז משיח דארף דאן קומען, אויב אזוי פארוואס פוילט ער זיך צו פארקויפן זיין דירה אין בני ברק און גלייך ארויפגיין קיין ירושלים..

**צוגאב** צו דעם האט מרן שליט"א קיינמאל נישט אנגענומען די דרויסנדיגע דיבורים און די אומאינהאלטסרייכע גערעדנקען ארום משיח'ס קומען וואס צומאל איז עס פלעינע קאוד'ס, נאר שטענדיג בראקט ער אריין אין זיינע תלמידים די חיוב צו האפן און ווארטן אויף ביאת המשיח מיט'ן גאנצ'ן הארץ און מיט א אמת'דיגקייט.

**געווען** אמאל ווען מרן שליט"א האט זיך אינטערעסירט ביי איינע פון זיינע יונגעלייט וואס ער מאכט, האט יענער געענטפערט "מ'ווארט אויף משיח", האט אים מרן שליט"א צוריקגעפרעגט "ווארט'סטו דען אויף משיח?, דו ביזט דאך פארנומען מיט דיין קאר און דיין הויז, און דו ניצט זיך מיט משיח נאר מיט די ליפן, און דו ווארט'סט נישט באמת".

צווישן די ווערטער האט אים מרן שליט"א צוגעלייגט א מוסר פארציע ארומגענומען פיל מיט אהבה מיט די לשון: "איך האב געהערט פון מרן הגרי"ז זצ"ל וויפל אונז דארפן זיך גרייטן פאר ביאת המשיח, און וואספארא גרויסע בושות וועלן אונז האבן ווען משיח וועט אנקומען און אונז האבן נאכנישט תשובה געטוהן ווי ס'פאדערט זיך, און די ריכטיגסטע האפענונג פאר ביאת המשיח איז צו האפן יעדן טאג און תשובה טוהן און זיך גרייטן מיט א ריכטיגע הכנה, און נישט זיין איינגעזונקען אין עולם הזה און ארויסזאגן מיט'ן מויל "מ'ווארט אויף משיח".

מרן שליט"א האט צוגעלייגט וואס ער האט געזעהן מיט די אייגענע אויגן ביי מרן הגרי"ז זצ"ל וואס ווען מ'האט אים געזאגט אז משיח דארף שוין קומען, האט ער געזאגט איז דען גענוג מיט'ן זאגן אז משיח גייט קומען, מ'דארף זיך צוגרייטן צו דעם. צו דען גרייטן אונז זיך ווי דער הייליגער 'חפץ חיים' זצ"ל און די אנדערע צדיקי עולם וואס האבן געהאפט יעדן טאג אויף זיין קומען און זיך צו דעם אנגעגרייט, אונז זענען דאך טיף אין די חטאים אזש פון גרויס בושה וועלן אונז זיך נישט קענען האלטן שטייענדיג אין פארנט פון משיח, און די עיקר איז מ'זאל צולייגן מעשים טובים צו די אמונה אין ביאת משיח.

א שיינע מעשה האט זיך אפגעשפילט ווען אין א געוויסע געלעגנהייט האט מרן שליט"א געשמועסט מיט א חשוב'ער רב, אינדערמיט האט זיך מרן שליט"א צוקרעכצעט: "אוי, משיח מעג שוין קומען', האט דער רב אים געפרעגט צו דען מעג ער ווען קומען?, ער איז מחויב צו קומען!, האט מרן שליט"א געענטפערט מיט א עובדא וואס איז געווען מיט זיין מאמע ע"ה, אז זי האט אמאל זיך אנגערופן צו איר טאטע הגרש"ז פינעס זצ"ל "משיח דארף שוין קומען", האט ער איר אנגעשריגן און געזאגט "ווי אזוי קענען אונז זאגן אז "ער איז מחויב שוין צו קומען", צו דען איז דער באשעפער אונז עפעס שולדיג, אונז קענען נאר זאגן אז "ער מעג קומען", און אויב מעג ער קומען וועט ער שוין זיכער קומען"...

## דברים העומדים על הפרק

# ״די פייערדיגע און הארצרייסנדע הספד דורך מרן שליט״א בקול נהי ותחנונים אויף ידיד מנעוריו כ״ק מרן גאב״ד ירושלים זצוק״ל״

״רבי טובי׳ [גאב״ד זצוק״ל] קען איך שוין פאר צענדליגער יארן, פון די רגע וואס ער איז אנגעקומען קיין ענגלאנד, סיי ווען ער איז געווען אין ישיבה און שפעטער אין כולל, אין לאנדאן און אין אנטווערפן.

ער איז אריבער אסאך נסיונות אין זיין לעבן, סיי אין זיין פריוואטע לעבן און סיי אין די ציבור׳ישע לעבן, שוין אין זיינע יונגע יארן האבן די ציונים אוועקגעלייגט גרויסע כוחות אויף אים כדי אים צו אפפירן פון די דת, אבער ער האט זיך געשטארקט און זיי דוחה געווען פון זיך, און זיך געשטארקט אויף די נסיונות מיט מסירות נפש.

ער האט געלערנט מיט הצדיק רבי משה שלאס זצ״ל אין ישיבה דריי סדרים א טאג, און זיי האבן זיך גע׳קנס׳עט און געפאסט תעניתים אויב זיי האבן אויסגערעדט מיט דברים בטלים. איך געדענק אז אויך ערב שבת האבן זיי געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה א גאנצן טאג, און נאר צוויי שעה פאר שבת זענען זיי געגאנגען אין מקוה זיך צו גרייטן צום שבת, און דערנאך א גאנץ שבת האט ער ממשיך געווען צו לערנען מיט זיין ידיד הצדיק רבי משה שלאס זצ״ל.

ער האט מקבל געווען די יסורים באהבה, און ער איז געווען א ירא את ה׳.

ער איז אוועק געגאנגען למנוחת עולם, און איך וויל אים נישט אויפהאלטן, אבער איך וויל אים נאר בעטן, אונז לעבן יעצט אין זייער א שווערע זמן, ווען די פושעים ווילן אונז אפפירן פון אידישקייט, און פון די תורה וואס איז אונטער לעבן. דער חתם סופר זאגט אויפן פסוק אין תהילים (עט,א) ״מזמור לאסף אלוקים באו גוים בנחלתך״, פרעגן חז״ל מזמור לאסף, קינה לאסף מיבעי ליה, האבן די תלמידי חת״ס געזאגט אז די קאפיטל איז אויף דעם וואס איז געווען גוים בנחלתך און נישט קיין אידן, ווייל ווען אידן מזרע קודש האלטן מלחמה מיט אונז איז עס זייער ביטער.

אונז לעבן יעצט אין א שווערע תקופה ווען דער באשעפער האט אונז געלאזט א מלחמה מיט פושעי ישראל, וואס דאס איז די שווערסטע תקופה, בעהט איך אים אז ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אונז, פאר די עדה החרדית, און פאר גאנץ כלל ישראל.

דער חפץ חיים שרייבט אז די בית דין של מעלה זענען פון די דור, וואס זיי קענען די מצב פון די דור, און זיי פארשטייען די מצב פון די דור, וועגן דעם בין איך זיך פונה יעצט צו [הגה״ק] רבי טובי׳ [גאב״ד זצוק״ל] עמוד!, דו ווייסט דאך וואס אונז ליידן אויף די וועלט, זיי דער שליח פאר אונז אויבן און בעהט ביים באשעפער אז ער זאל שוין רחמנות האבן אויף אונז.

זאלסט מעורר זיין דארטן אלע צדיקים און קדושי עליון אז זיי זאלן מתפלל זיין סזאל שוין מקויים ווערן בקרוב ממש ״יתגדל ויתקדש שמיה רבא״.

די חילול ה׳ היינט צוטאגס איז געוואלדיג גרויס, מ׳פרעגט אונז א גאנצן טאג איה אלוקיך, וואו איז דער רבונו של עולם, אבער אונז קענען נישט פארשטיין די דרכי ה׳, אונז האבן שוין גענוג געליטן און ס׳איז שוין אנגעקומען די זמן הגאולה, זאלסט מעורר זיין אויבן אז אז סזאל שוין מקויים ווערן ״יתגדל ויתקדש שמיה רבא במהרה בימינו בקרוב״.

## ״ויגבה ליבו בדרכי ה׳ ״

### דברי הדרכה פאר בחורים וואס גייען ארויף אין ישיבה קטנה וואס איז געהערט געווארן דורך מרן שליט״א בביתו נאוה קודש פאר תלמידי כיתה ח׳ פון תלמוד תורה ׳תורת אמת׳- שטעפענעשט אין שטאט אלעד בראשות הרה״ג ר׳ אברהם יעקב סאלמון שליט״א רב פון קהילת שטעפענעשט

״**די** אלע בחורים דארפן זיך אויפהייבן און מקיים זיין די פסוק ״ויגבה ליבו בדרכי ה׳ ״ און וויסן אז אויב לערנט מען איז מען מצליח, אין גמ׳ מס׳ סוטה (מט:) ווערט געברענגט ״אמר ליה רב יוסף לתנא לא תיתני ענוה דאיכא אנא״, קען מען מסביר זיין בדרך צחות אז רב יוסף האט געלערנט פאר׳ן תנא נישט צו זיין ביי זיך א עניו און טראכטן אז מ׳פארמאגט נישט די כוחות צו זיין א גדול בתורה, און ער האט אים געזאגט ״לא תיתני ענוה״ זאלסט זיך נישט האלטן פאר א עניו, נאר זאלסט זאגן ״איכא אנא״ איך פארמאג די כוחות צו וואקסן א גדול בישראל.

**די** וועלט זאגט אויפן טיטל וואס מ׳רופט דעם גר״א פון ווילנא דער ״ווילנ׳ער גאון״ אז ס׳קומט פון די לשון ״וויל נאר, גאון״, אז אויב האסטו נאר די ווילן וועלסטו וואקסן א גאון, און ענק דארפן וויסן אז אלעס ווענדט זיך אין ענק, און אויב וועלן ענק באמת וועלן און ענק וועלן זיצן און לערנען וועלן ענק זוכה זיין צו זיין גרויסע גאונים, ווייל ווער ס׳לערנט העלפט אים דער אייבערשטער.

**ענק** דארפן וויסן אז די יארן וואס ענק גייען לערנען אין ישיבה איז ענקערע גורל׳דיגסטע יארן, און אין דעם איז אנגעהאנגען ענקער עיקר וואקסן אין די תורה, און פארדעם איז דער יצה״ר משקיע זיינע עיקר כוחות אין די יארן ענק צו מבטל זיין פון לימוד התורה, און ענק דארפן זיך שטארקן, לערנ׳טס מיט א שאיפה צו זיין די גאונים אין כלל ישראל, און בעז״ה וועלן ענק מצליח זיין״.

**די** הנהלה פון חדר: ״די בחורים ווילן אויך באקומען א ברכה.

**מרן** שליט״א: ״ווער ס׳טראכט אז אויב באקומט ער ט ברכה דארף ער זיך ווינציגער פלאגן אין די תורה און זיך פארלאזן אויף די ברכה, ער וועט נישט מצליח זיין און די ברכה וועט נישט העלפן, און נישט נאר אז די ברכה וועט נישט העלפן פאר אים נאר די ברכה איז אויך מסוכן פאר אים וויבאלד ס׳ברענגט אים צו א שוואכקייט און נאכגעלאזנקייט אין די תורה, אזוי ווי איך האב געהערט אין מיינע יונגע יארן פון הקדוש רבי אלחנן וואסערמאן זצוק״ל וואס האט עס געהערט פון דער הייליגער חפץ חיים זצוק״ל, וועגן דעם קען נאר ווער ס׳לערנט לויט זיינע כוחות קען בעטן א ברכה, אבער די ברכה זאל ח״ו נישט זיין אויפן חשבון פון זיין פלאגעניש אין די תורה.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן אז ענק זאלן אלע זוכה זיין זיך צו פלאגן אין די תורה, און אויסוואקסן גרויסע גאונים״.

צו באקומען וועכנטליך די גליון שיקט א אימעיל צו:
7110992@gmail.com

צו האבן א זכות אין פארשפרייטן די הייליגע ספרים און גליונות אזוי האוכט -
צו אריינשיקן פאר די מערכת הערות והארות וועגן די גליון און וועגן די ספרים
שיקט א אימעיל צו gilyonhuraved@gmail.com
די נאמבער פאר נדבות און הנצחות איז: 17166234717